# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## ברגשי אהבה משגרים אנו בזה ברכת מזלא טבא

למע"כ ידידנו הנאמן העוסק בלו"נ למען הצלת קברי אבותינו
כש"ת הגה"צ ר' **שמעון יואל וויינבערגער** שליט"א
דיין דק"ק נצח ישראל - סקולען
חדב"נ **כבוד קדושת מרן אדמו"ר מ'סקולען** שליט"א
מראשי וועד ביה"ח בעיר **דיורא** יצ"ו -**לרגל אירוסי נכדתו למז"ט שיחי'**
ומי שברך אבותינו הוא יברך אותו וכל ב"ב והמחותנים שליט"א
לראות רב נחת ושמחות וכט"ס מכל יוצ"ח מתוך אורך ימים ושנות חיים

...אבל **חסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו** פי' מעה"ז עד נכנסו לעולם האחר בקבר לשומרי בריתו לדקתו לבני בנים **שידעו מקום אבות, לכבד מקום קברות אבותם.** (דרשות חת"ס)

## עורו ישנים משינתכם

שטארקע התעוררות ביי חשוב'ע נדיבי לב און
אברכים היקרים בני הכולל החשובים הע"י זיך צו משתתף זיין און

### הצלת מתי מצוה

### בביה"ח בעיר קעכניץ, סלאוואקיי

- דער ביה"ח אין א שווערע סכנה פון ווערן אויפגעאקערט אלס א פעלד ר"ל.
- עס זענען ליידער נישט געבליבן קיין באקאנטע יוצאי העיר פון די שטאט, וואס דעריבער איז נישט דא קיין בני משפחה וואס קוקן זיך אום אויפ'ן מצב הביה"ח.
- א חלק פון די נויטיגע קאסטן זענען שוין דא. עס פעלט זיך אויס אידן וואס ווילן זוכה זיין אין די געוואלדיגע זכותים פאר'ן קומענדיגען יום הדין!
- צו ווערן א שותף אין די מצוה, קענט איר אריין שיקן אייער נדבה צו אבותינו:

Avoyseinu 616 Bedford Ave #2B B'klyn, NY 11249 (specify in Memo: KECHNECE)

ווי אויך קענט איר זיך פארבינדן מיט די חשוב'ע עסקנים:
הר"ר **יחיאל מיכל פישביין** הי"ו - הר"ר **יעקב שלום שטיינבערג** הי"ו 347-581-7190
אדער אבותינו 718-640-1470 עקס. 303

ביה"ח אין קעכניץ אין א סכנה פון ווערן אויפגעאקערט ר"ל, צוליב די לעצטיגע פעלד אקטיוויטעטן אינ'ם געגנט. **א פעסטע גדר דרינגענד וויכטיג!**




## אבות מכלל דאיכא תולדות...

### התרגשות'דיגער סעודת הילולא כ"ו אב
### לע"נ מרן רבינו הגה"ק מסאטמאר זי"ע אין בודאפעסט

קאמבינירט מיט סיומי מסכתות דורך
**חשוב'ע בחורי חמד יוצאי ת"ת נחלת אבות שע"י "אבותינו"**



א טייל עולם ביים סעודת ההילולא אינעם ביהמ"ד דקהל ארטאדאקסי'
**הרב החסיד ר' אהרן צבי קעסטענבוים שליט"א שו"ב - נואם**



בחורי חמד הי"ו יוצאי הת"ת החרדי **נחלת אבות** זענען מסיים ב"ה
מסכת קידושין און מסכת בבא קמא בשעת די סעודת הילולא

## ספעציעלע קאלום:

**המטרה: הערות והארות.**
**קלארשטעלן פארשידענע פראגעס און עפיזאדן פונעם עבר לתועלת העתיד.**

די איבערראשענדע דערגרייכונג פון די 200 חכמי לב ראשי בתי אבות לתיקון הבתי חיים, וועלכע האבן שוין בס"ד מציל געווען קברי אבותיהם, ווערט נאכגעפאלגט מיט א גרויסע התעוררות זיך אנצושליסן און די עבודה"ק און ווערן א טייל פון די חכם לב יקח מצות.

דעריבער וועלן מיר אין דעם קאלום פרובירן קלארצושטעלן פארשידענע וויכטיגע פונקטן לתועלת מלאכת הקודש, צב"ש:
• ענטפערס אויף אפטע פראגעס • זהירות נישט צו גורם זיין א שאדן צו די עבודה"ק ח"ו אומוויסענדערהייט • פראקטישע הערות, וכדו'.

לידיעת הציבור קען מען ערהאלטן אויף אי-מעיל די ביז יעצטיגע אויסגאבעס: קונטרס **בניני ביה"ח**, קונטרס **משמרת ביה"ח**, קונטרס **פראגעס און ענטפערס** (צענדליגער פראגעס וועלכע ווערן אפט געפרעגט דורך בני המשפחה).